א. בתחילת הסדרא, שטעלט זיך רש"י אויף "ויחי יעקב" און פרעגט "למה פרשה זו סתומה", פארוואס איז די פרשה ויחי אינגאנצן סתום און ס'איז ניטא קיין ריוח צווישן איר מיט די פריערדיקע פרשה. און איז מפרש אויף דעם צוויי טעמים: א) לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם (ווילע דורך די פטירה פון יעקב אבינו זיינען פארשטאפט געווארן די אויגן און דאס הארץ פון אידן איבער די צרות פון דעם שעבוד וועלכע די מצריים האבן זיי אנגעהויבן משעבד זיין) ב) דבר אחר, שביקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו (ווילע יעקב האט געוואלט אנטפלעקן דעם קץ צו זיינע קינדער, און דער קץ איז פון אים אליין נסתם געווארן).

כאמור כמה פעמים, אז פירוש רש"י על התורה קומט מפרש זיין **פשוטו** של מקרא, וואס דערפון איז מובן, אז אפילו די פירושים פון רש"י וועלכע זיינען גענומען פון מדרשי חז"ל, גייען ארייך ניט אין חלק הדרוש שבתורה נאר אין חלק הפשט.

וואס פון דעם קומט ארויס א נפק"מ אין הלכה למעשה, דער דין איז, אז מען דארף איינטיילן דעם לימוד שבכל יום ויום אין דריי חלקים: א שליש במקרא, א שליש במשנה און א שליש בתלמוד, כאפט דאך א נ"מ להלכה, אז אויך די פירושים פון רש"י וועלכע זיינען גענומען פון מדרשי חז"ל, זיי זיינען אין חלק הפשט שבתורה, גייען זיי ארייך אין "מקרא", ווארום "שליש במקרא" מיינט ניט בלויז דער לימוד הפסוקים עצמם, נאר אויך דער לימוד הפסוקים עם פירושם גייען ארייך אין שליש במקרא.

וואס אזוי איז אויך בנוגע פירוש רש"י אויף "ויחי יעקב": אז אעפ"י אז דער פירוש איז גענומען פון מדרש, איז וויבאלד אבער אז רש"י שטעלט עס ארייך בפירושו, איז א ראי' אז דאס איז נוגע צו **פשוטו** של מקרא (וואס דערפאר איז רש"י משנה כמה דברים פון לשון המדרש, כדלהלן).

ב. דער פשט פון רש"י'ס שאלה "למה פרשה זו סתומה": איז ווי געזאגט פריער, אז די פרשה איז סתום **אינגאנצן** בכלל, אז מען זאגט דעם לשון "פרשה סתומה" מיינט מען דערמיט צו שולל זיין א פרשה **פתוחה**, אבער אויך אין א פרשה סתומה איז דא א ריוח צווישן איר מיט די פריערדיקע פרשה כשיעור ט' אותיות, וואס במילא איז קענטיק אז דאס איז א נייע פרשה, משא"כ די "סתומה" פון פרשת ויחי איז סתומה **לגמרי**, אז ס'איז ניטא קיין ריוח (אפילו ניט קיין ריוח פון ט' אותיות) צווישן איר מיט די פריערדיקע פרשה, ביז אז קוקענדיק אין דער ספר תורה איז גארניט קענטיק אז ס'איז א נייע פרשה.

און דעריבער איז די קשיא "למה פרשה זו סתומה" א קשיא אין פשוטו של מקרא, וואס עס שטעלט זיך אויך ביי א קינד וואס לערנט אין חדר, בשעת א קינד קוקט אין ספרי תורה שטעלט זיך ביי אים גלייך א שאלה: ס'איז דאך א נייע סדרה (וואס חלוקת הסדרה איז דאך נאך א גרעסערע חלוקה ווי חלוקת הפרשיות), היינט פארוואס איז ניטא קיין הפסק צווישן איר מיט דער פריערדיקער פרשה.

דער רשב"ם זאגט, אז עיקר התחלת הפרשה איז "וישב ישראל" וואס אין סיום פרשת ויגש, נאר מצד א געוויסן טעם, האט מען מסדר געווען אז דעם פסוק "וישב ישראל" זאל מען לייענען אין פ' ויגש, און די נייע סדרה זאל מען אנהויבן מיט "ויחי יעקב", וואס לפי"ז איז פארשטאנדיק וואס עס איז ניטא קיין הפסק צווישן "ויחי" מיט'ן פריערדיקן פסוק - ווייל ס'איז טאקע איין פרשה, רש"י וויל עס



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2) {180} עמוד מס: 269 ה

אוצר החכמה



אבער ניט אנגעמען, ווײַלע ווײַבאלד ס'איז אנגענומען אז די התחלת הסדרה איז פון "ויחי יעקב" (און דאס ווייסן דאך אויך קינדער וואס לערנען אין חדר), איז דאך דאס די התחלת הסדרה, במילא ווערט א קשיא אין פשוטו של מקרא "למה פרשה זו סתומה".

ג. כאמור לעיל, אז דער פירוש פון רש"י אויף "ויחי יעקב" איז גענומען פון מדרש, איז אבער רש"י משנה דא דער לשון בכמה ענינים, און דער שינוי פון לשון רש"י הייבט זיך אן גלייך אין דער קשיא "למה פרשה זו סתומה": אין מדרש שטייט "למה פרשה זו סתומה **מכל פרשיות שבתורה**" - און רש"י ברייננגט בלויז די ווערטער "למה פרשה זו סתומה" און די ווערטער "מכל פרשיות שבתורה" לאזט ער אויס.

דער טעם וואס דער מדרש לייגט - צו די ווערטער "מכל פרשה שבתורה" איז בכדי צו מפרש זיין אז דער "סתומה" פון פרשת ויחי איז (ניט בלויז וואס זי איז ניט קיין פרשה פתוחה, אזוי ווי אנדערע פרשיות סתומות, נאר זי איז) סתומה מערער ווי אנדערע פרשיות, אפילו מערער ווי פרשיות סתומות, אז ס'איז ניטא קיין ריוח צווישן איר מיט די פריערדיקע פרשיות. וואס דעריבער ווערט א קשיא "למה פרשה זו סתומה".

ולפי"ז איז ניט מובן, פארוואס רש"י לאזט אויס די ווערטער: ווײַבאלד אז די גאנצע קשיא "למה פרשה זו סתומה" איז מצד דעם וואס זי איז סתומה לגמרי (ווען זי וואלט געהאט א ריוח כשיעור ט' אותיות וואלט קיין קשיא ניט געווען), האט דאך רש"י געדארפט מוסיף זיין "מכל פרשה שבתורה"?

אוצר החכמה

לכאו', האט מען געקענט זאגן, אז דאס וואס רש"י איז משמיט די ווערטער "מכל פרשה שבתורה" איז עס מצד דעם וואס דער לשון "מכל פרשה שבתורה" מיינט אז פרשת ויחי איז די איינציקע פרשה וועלכע איז סתום (לגמרי), און רש"י האלט ווי די דיעה אז אויך פרשת ויצא איז סתומה לגמרי, אבער אויב אזוי, האט דאך רש"י זיך געדארפט שטעלן אויך אין פ' ויצא און מפרש זיין "למה פרשה זו סתומה", אזוי ווי ער איז מפרש אין פרשת ויחי? פון דעם וואס אין פרשת ויצא שטעלט זיך ניט רש"י אויף דעם, איז דאך א ראי' אז ער נעמט אן אז בלויז פרשת ויחי איז א פרשה סתומה - הײַנט אויב אזוי האט ער דאך געדארפט מעתיק זיין "מכל פרשה שבתורה"?

איז דער ביאור אין דעם: ווײַלע דא איז ניט נוגע צו מדגיש זיין אז פרשת ויחי איז די איינציקע פרשה סתומה, און אין "פשוטו של מקרא" איז ניט נוגע צו דאס איז די איינציקע פרשה, צי ס'איז דא נאך ערגעץ - וואו א פרשה וועלכע איז א סתומה, אפילו ווען מען וואלט געפונען נאך א פרשה וועלכע איז א סתומה (וואס לכמה דיעות איז טאקע דא נאך א פרשה סתומה, כדלהלן), איז עס קיין תירוץ ניט אויף דעם וואס "פרשה זו סתומה", איי וואס ס'איז דא נאך א פרשה סתומה - איז דארט אויך א קשיא דארף מען אויך דארטן זוכן א תירוץ, ס'איז אבער ניט קיין הסברה אויף דעם וואס פרשה זו סתומה, און די קשיא בלייבט בתקפה.

ד. נאך א שינוי פון לשון המדרש צו לשון רש"י: אין מדרש שטייט "כיון שנפטר יעקב אבינו התחיל השעבוד", און דער לשון רש"י איז "שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם, וואס רש"י איז דא מוסיף צוויי ענינים: א) נסתמו עיניהם ולבם של ישראל, ב) "**מצרת** השעבוד", ניט "שעבוד" נאר "**צרת** השעבוד",

איז דאס וואס רש"י איז מוסיף "נסתמו עיניהם כו'" איז מובן בפשטות: ווײַלע רש"י וויל אויסטײַטשן די שייכות פון דעם שעבוד מיט דער **סתימות** הפרשה (וואס אין מדרש איז עס ניט אויסגעטײַטשט בפירוש), לייגט ער צו די ווערטער "**נסתמו** כו'",

**הנחה פרטית בלתי מוגה**



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2){180} עמוד מס: 270

וואס מיינט רש"י אבער מיט דער הדגשה "**צרת** השעבוד", וואס וואלט ניט געטויגט ווען רש"י וואלט געשריבן דעם לשון "שעבוד", כלשון המדרש.

וועט מען עס פארשטיין בהקדים נאך א קשיא: ווי קען מען זאגן, אז "כיון שנפטר יעקב אבינו התחיל השעבוד", עס איז דאך כל זמן שאחד מן השבטים הי' קיים איז דער שעבוד ניט געווען - און נאך פטירת יעקב האט יוסף געלעבט נאך פיר און פופציק יאר - הייגט ווי זאגט מען אז כיון שנפטר יעקב האט זיך אנגעהויבן דער שעבוד?

דעריבער לייגט צו רש"י "**מצרת** השעבוד": דער **שעבוד** האט זיך אנגעהויבן ערשט נאך מיתת יוסף וכל אחיו. "**צרת** השעבוד" אבער איז געווען אויך פריער, ווי נאר עס האט זיך אנגעהויבן דער "פה רך", האבן שוין אידן אנגעהויבן **מציר** (צרה מלשון מציר) זיין, עס האט זיך שוין אנגעהויבן די "**צרת** השעבוד", ווייל זיי האבן געוואוסט אז דער "בפה רך" וועט ברייגען דעם שעבוד בפועל.

**ה.** דאס אלץ איז בנוגע דעם שינוי **הלשון** שבפירוש רש"י אין די ענינים וועלכע ער ברייגגט פון מדרש, ס'איז דא נאך א שינוי, וואס עס איז דא אין מדרש וועלכן רש"י איז משמיט, אין מדרש זיינען דא דריי תירוצים אויף דעם וואס פרשה זו סתומה, די צוויי תירוצים (וועלכע רש"י ברייגגט) און א דריטער תירוץ: "שנסתמו ממנו כל צרות שבעולם", ביז יעקב איז געקומען קיין מצרים האט ער דאך געהאט כסדר צרות (ווי עס שטייט "מעט ורעים ימי שני חיי", און ווי רש"י זאגט אז ווי נאר יעקב האט געוואלט זיין בשלוה איז "קפץ עליו רוגזו של יוסף"), און קומענדיק קיין מצרים איז ער געזעצן בשלוה, און דעריבער איז די פרשה "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" א פרשה **סתומה**, ווייל די זיבעצן יאר איז ער געזעצן בשלוה און "נסתמו ממנו כל צרות שבעולם".

רש"י אבער ברייגגט בלויז די ערשטע צוויי טעמים פון מדרש אויף דעם וואס "פרשה זו סתומה".

אין פירוש רש"י איז דאך יעדער ענין בדיוק, און פונקט ווי מען דארף הארעווען אויף צו פארשטיין די ענינים וועלכע ער ברייגגט יע, אזוי דארף מען אויך הארעווען אויף צו פארשטיין דעם טעם פון דעם וואס ער ברייגגט ניט כמה ענינים, דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס ער ברייגגט ניט דעם דריטן טעם?

די קשיא ווערט נאך שטארקער: דער חילוק פון די ערשטע צוויי טעמים צום דריטן טעם איז: לויט די ערשטע צוויי טעמים איז די סתימת הפרשה פארבונדן מיט **פטירת** יעקב, אויך דאס וואס "בקש לגלות את הקץ" איז עס מצד דעם וואס עס איז געווען בסמיכות לפטירתו.

משא"כ לויט דעם דריטן טעם, איז די סתימת הפרשה פארבונדן מיט "ויחי יעקב" און די איז מרמז אויף סתימת **הצרות** (א ענין טוב), הייגט ווי באלד רש"י איז מפרש פשוטו של מקרא, איז דאך לכאו', וויבאלד אז די סתימה איז ביי די ווערטער "ויחי יעקב", איז דער דריטער טעם מער קרוב לפשט ווי די ערשטע צוויי טעמים, הייגט ווי קומט עס וואס רש"י - וואס ער איז מפרש פשוטו של מקרא - ברייגגט דוקא די ערשטע צוויי טעמים און דעם דריטן לאזט ער אויס?

**ו.** עד"ז, שטעלט זיך אויך די קשיא בנוגע דעם סדר פון די ערשטע צוויי טעמים, וואס וויבאלד אז אין פירוש רש"י איז דאך יעדער ענין בדיוק, פון דעם וואס פריער ברייגגט רש"י "נסתמו עיניהם כו'" און דערנאך "בקש לגלות את הקץ כו'" איז א ראי' אז דער טעם "נסתמו עיניהם" איז קדום במעלה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2) {180} עמוד מס: 271 ה

א ודאי איז פאראן א מעלה אויך אין צווייטן טעם אויפן ערשטן, און דערפאר איז זיך רש"י ניט מסתפק מיטן ערשטן פשט און ברענגט אויך דעם צווייטן, וואס אזוי איז אלע מאל ווען רש"י ברענגט עטליכע פירושים, אז אין יעדער פירוש איז דא עפעס א שוועריקייט און דעריבער ברענגט ער כמה פירושים, ווײלע יעדער פון זיי האט א יתרון - איז אבער ניט בדומה די מעלה פון צווייטן פשט לגבי די מעלה פון ערשטן: דאס וואס מען דארף אנקומען צום צווייטן פשט איז עס מצד די שוועריקייט וואס עס איז דא אינעם ערשטן פשט, וואס דעריבער דארף מען אנקומען אויך צום צווייטן פשט, איז א סאך קלענער ווי די שוועריקייט וואס איז דא אין צווייטן פשט, און די קדימה ואיחור פון די פירושים, לויט ווי רש"י איז זיי מסדר, איז עס לויט די קדימה ואיחור במעלתם.

(אפילו אויב מען וועט זאגן, אז ס'איז שני טעמים שקולים, און דאס וואס רש"י איז מקדים איין טעם פאר דעם צווייטן איז עס שלא בדיוק, נאר אזוי ווי מ'קען דאך ניט שרייבן ביידע טעמים בבת אחת ("שמור וזכור בדיבור אחד" איז בלויז בחיק הבורא), במילא האט ער געמוזט שטעלן איין טעם פריער און איין טעם שפעטער - אבער דאס איז דאך זיכער אז מען קען ניט זאגן אז דער צווייטער טעם איז קדום במעלה, ווארום דעמאלט וואלט אים רש"י געבראכט אלס דעם ערשטן טעם).

שטעלט זיך דאך די קשיא: דלכאו' איז איפכא מסתברא, דער צווייטער טעם איז מער קרוב צו פשוטו של מקרא ווי דער ערשטער טעם - דער ערשטער טעם איז "שכיון שנפטר יעקב אבינו" משא"כ דער צווייטער טעם "ביקש לגלות את הקץ כו'" איז געווען נאך בחיי יעקב, אמת טאקע אז דאס וואס בקש לגלות את הקץ איז עס געווען מצד דעם וואס ס'איז געווען סמוך לפטירתו כנ"ל, אעפ"כ איז עס דאך פארט געווען קודם פטירתו, משא"כ דער "נסתמו עיניהם כו'" איז געווען לאחרי פטירתו, וויבאלד אז די סתימה איז ביי די ווערטער "ויחי יעקב" איז דאך לכאו' מסתבר אז די סתימת הפרשה האט גיכער צוטאן מיט א ענין וואס עס האט פאסירט בחייו של יעקב, היינט פארוואס שטעלט רש"י אוועק דעם טעם אלס דעם צווייטן טעם?

ז. לכאו' האט מען געקענט מבאר זיין, לויט דעם וואס די מפרשים זאגן, אז דאס וואס די "סתימה" איז בתחילת הסדרה און ניט (לויטן ערשטן פירוש) ביים פסוק וואו עס שטייט "ויגוע ויאסף אל עמיו", אדער (לויטן צווייטן פירוש), אין פסוק וואו עס שטייט "ואגידה לכם", און ווי רש"י טייטשט איז דער "ואגידה לכם" מיינט "ביקש לגלות את הקץ", אדרבה, די פרשה "ויקרא יעקב גו' ואגידה לכם" איז א פתוחה לגמרי, איז עס בכדי די סתימה זאל זיין קענטיק, ווען די סתימה וואלט געווען אימיטן סדרה (אפילו ביי "ויקרא יעקב גו' ואגידה לכם", וואס דארטן הייבט זיך אן א נייע פרשה, וויבאלד אבער ס'איז די זעלבע סדרה) וואלט זי ניט געווען קענטיק, און דעריבער איז די סתימה בתחילת הסדרה, וואס גלייך פון תחילת הסדרה אן, הייבט זיך אן דערציילן וועגן פטירת יעקב, דער פסוק "ויחי יעקב" איז בלויז א הקדמה צו "ויקרבו ימי ישראל למות".

ואעפ"י אז אין ערשטן פסוק "ויחי יעקב" ווערט גארניט דערמאנט וועגן פטירת יעקב, איז אבער באמת איז מוכרח צו זאגן, אז אויך דער פסוק האט א שייכות צו פטירת יעקב: א) וויבאלד אז אין דעם פסוק מאכט ער א סך הכל פון שני חיי יעקב (שבע שנים וארבעים ומאת שנה) און א ס"ה מאכט מען סמוך למיהה דוקא, ב) וויבאלד אז דער הפסק צווישן דער סדרה מיט די פריערדיקע איז פאר דעם פסוק ויחי יעקב, איז דאך א ראי' אז דער פסוק "ויחי" האט א שייכות (ניט צו סיפור המאורעות של חיי יעקב, וועלכע עס ווערט דערציילט פריער, נאר) צו פטירת יעקב און די מאורעות וועלכע זיינען געווען בסמיכות לפטירתו, וואס דאס איז דער תוכן פון פרשת ויחי.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2) {180} עמוד מס : 272

און דערמיט וועלן ווערן פארענטפערטביידע קשיות (וואס רש"י איז משמיט דעם דריטן טעם, און וואס ער שטעלט אוועק דעם צווייטן טעם פאר דעם ערשטן).

ווען די סתימה וואלט געווען פארבונדן בלויז מיט די ווערטער "ויחי יעקב", וואלט עס טאקע דאן געהייסן אז די סתימה איז רומז אויף א ענין וואס עס איז פארבונדן מיט חייו של יעקב - "ויחי", ובמילא, איז דער פירוש העיקרי וואלט געווען "נסתמו ממנו כל הצרות שבעולם", וואס דורך דעם איז געווען ביי אים דער אמת'ער "ויחי", למטה מזה דער פירוש "ביקש לגלות את הקץ", וואס עס איז געווען סמוך לפטירתו, אבער קודם שנפטר, למטה מזה - "כיון שנפטר כו'", וויבאלד אבער אז די סתימה איז פארבונדן מיט התחלת הסדרה, וואס די סדרה רעדט וועגן פטירת יעקב און די מאורעות הסמוכות אלי' וקשורות עמה, איז דער טעם "נסתמו ממנו כל הצרות שבעולם" האט לגמרי קיין ארט ניט אין פשוטו של מקרא, סיי דער זמן פון "נסתמו ממנו" איז געווען גלייך קומענדיק אין מצרים - זיבעצן יאר קודם פטירתו, סיי דער ענין "נסתמו ממנו כל הצרות שבעולם" איז עס א ענין הפכי פון פטירת יעקב - ס'איז דער תכלית החיות, היפך פטירה, האט דאך ניט קיין ארט צו זאגן, אז די "סתימת" הסדרה וועלכע עס רעדט וועגן פטירת יעקב זאל רומז זיין אויפן "נסתמו ממנו כל הצרות", און ב) דער טעם "ביקש לגלות כו'" האט ניט קיין קדימה במעלה אויפן טעם "משנפטר כו'", ווייל די סדרה רעדט דאך וועגן פטירת יעקב.

**ח.** עפי"ז האט מען געקענט לכאו' זאגן, עס בלייבט נאך אבער ניט פארשטאנדיק, צוליב וואס דארף רש"י זאגן ביידע טעמים (וואס, כאמור לעיל, אז אומעטום וואו רש"י ברענגט צוויי פירושים איז ווייל אין יעדער פירוש איז עפעס שווער) - וואס איז די שוועריקייט אין איין פירוש, וואס מצד דעם מוז מען אנקומען צו ביידע דווקא?

איז דער ביאור אין דעם: אמת טאקע אז די "סתימה" וואס ביי די ווערטער "ויחי יעקב" איז פארבונדן ניט מיט די ווערטער נאר מיט התחלת הסדרה, אעפ"כ וויבאלד אז עס שטייט פאר די ווערטער "ויחי יעקב", דארף מען זאגן, אז עס האט צוטאן אויך מיט א ענין וואס עס איז געווען בחייו יעקב, - דעריבער ברענגט רש"י אויך דעם צווייטן פירוש "ביקש לגלות את הקץ", וואס דאס איז געווען בחייו, קודם פטירתו.

דער צווייטער פירוש אליין אבער איז אויך ניט מספיק: אויב די סתימה איז מצד דעם וואס נסתם הקץ, איז ווי קומט עס אז די פרשה וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם - "ואגידה לכם" - איז א פרשה פתוחה, און נאך א פתוחה לגמרי? דעריבער מוז מען אנקומען אויך צום ערשטן פירוש.

און וויבאלד אז די שוועריקייט וואס אין צווייטן פירוש איז אין דעם עצם הענין (אז די פרשה וואו עס רעדט זיך וועגן סתימת הקץ איז גאר א פרשה פתוחה) און די שוועריקייט וואס איז אין ערשטן פירוש איז בלויז מצד דעם דיוק התיבות "ויחי יעקב" (אבער ניט בהענין עצמו, ווייל כנ"ל, אז די סתימה איז פארבונדן מיט התחלת הסדרה), דעריבער שטעלט אוועק רש"י דעם טעם "כיון שנפטר כו'" אלס דעם ערשטן טעם, ווייל ער איז דער טעם העיקרי און קודם במעלה.

**ט.** מען דארף נאך אבער פארשטיין, פארוואס הייבט טאקע אן די סדרה מיט "ויחי יעקב": וויבאלד אז די גאנצע סדרה רעדט וועגן פטירת יעקב און די מאורעות השייכים אלי', איז ווי קומט דא אריין דער פסוק "ויחי יעקב"? אמת טאקע, אז ווי געזאגט פריער, איז דער ס"ה פון שני חיי יעקב איז פארבונדן מיט זיין פטירה, דאס איז דאך אבער א הסברה בלויז אויף די שייכות פון דער אנדער האלבן פסוק צו דער סדרה - "ויהי ימי יעקב גו'", אבער דער ערשטער האלבער פסוק "ויחי יעקב בארץ

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2){180} עמוד מס: 273 ה

אוצר החכמה

מצרים שבע עשרה שנה", וואו עס ווערט דערציילט וועגן יעקב'ס בעססע יארן, וואס האט עס פאר א שייכות צו פטירת יעקב? האט דאך די חלוקת הסדרות געדארפט זיין צווישן "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" מיט "ויהי ימי יעקב גו'"? דער ערשטער האלבער פסוק האט געדארפט זיין אין פרשת ויגש, וואו עס ווערט דערציילט "ותחי רוח יעקב אביהם" און "וישב ישראל גו' ויפרו וירבו מאד",

נאך א זאך דארף מען פארשטיין: ווי גערעדט שוין, אז דער נאמען פון א סדרה איז פארבונדן מיטן תוכן כל הסדרה, איז ווי קומט עס אז די סדרה וואס תוכנה איז פטירת יעקב זאל הייסן "ויחי", וואס "ויחי" איז היפך ענין הפטירה?

אוצר החכמה

**י.** (חסר)

**יא.** עפי"ז וועט מען פארשטיין די שייכות פון פסוק ויחי יעקב צו כללות הסדרה און דער טעם פון דעם וואס די גאנצע סדרה הייסט מיטן נאמען "ויחי", אעפ"י אז אין איר רעדט זיך גאר וועגן "פטירת יעקב:

בשעת יעקב האט געזען ווי "מטתו שלימה", אפילו אין מצרים (דאס וואס בניו זיינען געווען צדיקים אין ארץ ישראל - דאס איז קיין אויפטו ניט, בשעת אבער ער האט געזען אז אויך זייענדיק אין מצרים זיינען זיי צדיקים), און אפילו יוסף, וואס "מלך הוא" און "נשבה בין הגוים", איז "עומד בצדקו", ביז אז אפילו מנשה ואפרים וואס זיינען געבארן געווארן אין מצרים ערות הארץ זיינען ראוי לברכה, ביז אז אידן בכל הדורות וועלן זיך ווינטשן "ישימך אלקים כאפרים וכמנשה", דאס האט מגלה געווען אויך אויף אלע פריערדיקע יארן אז "כולן שוין לטובה" און "ויחי יעקב" - דאס וואס ביי יעקב'ן הייסט געלעבט - ווארום "אל תאמין בעצמך עד יום מותך", וואס דאס שטייט דאך בנוגע כל הצדיקים, ובפרט בנוגע יעקב'ן געפינט מען דאך אז ער האט מורא געהאט "שמא יגרום החטא", בשעת אבער ער איז געקומען צו יום מותו, דאן האט ער געוואוסט זיין מצב.

און כאמור לעיל: אז די גאנצע סדרה ביז צום לעצטן פסוק ועד בכלל, איז איר נאמען און תוכן - "ויחי": די לעצטע ווערטער פון די סדרה זיינען "ויישם בארון במצרים" - אז בשעת יוסף איז געשטארבן האבן איס די מצרים ניט מקבל געווען, נאר ארייגעלייגט אין א ארון, ווייל אידן זיינען געשטאנען אין אזא מצב, אז אפילו די מצריים האבן געוואוסט אז בכל רגע קען קומען די גאולה, וואס דערפאר האבן זיי ארייגעלייגט יוסף'ן אין א ארון, בכדי מען זאל קענען גלייך מקיים זיין דעם "והעליתם את עצמותי מזה", איז בשעת אידן שטייען אין אזא מצב נעלה דאס פועלט דעם "ויחי יעקב", וואס דורך דעם וואס "זרעו בחיים" איז "אף הוא בחיים".

**יב.** מען האט גערעדט פריער, אז מצד דעם וואס די סתימת הפרשה איז פארבונדן (ניט מיט די ווערטער "ויחי יעקב", נאר) מיט התחלת הסדרה - וואס תוכנה איז פטירת יעקב און די ענינים השייכים לזה - איז רש"י משמיט דעם דריטן טעם פון מדרש "נסתמו ממנו כל הצרות שבעולם", ווייל דאס האט צוטאן מיט חיי יעקב און ניט מיט פטירתו, און ברייגנט בלויז די ערשטע צוויי טעמים "משנפטר יעקב כו'" און "ביקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו", וואס דאס האט צוטאן מיט פטירת יעקב.

איז עפ"י האמור לעיל, אז דאס וואס די סדרה וועלכע עס רעדט וועגן פטירת יעקב הייסט "ויחי" ווייזט אז דא איז נתגלה געווארן יעקב'ס אמתער חיות, איז פארשטאנדיק, אז כשם ווי דוקא די ערשטע צוויי טעמים זיינען פארבונדען מיט פטירת יעקב, אזוי זיינען זיי אויך פארבונדן מיט "ויחי יעקב" - ווייל ער היינו הך.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2){180} עמוד מס : 274

איז דער ביאור אין דעם: בשעת אידן לערנען תורה און זיינען מקיים מצות אין א צייט וואס עס איז ניטא קיין שעבוד וגלות - ניט אין דעם באשטייט דער חידוש, אפילו ווען מען געפינט זיך אין גלות, מען האט אבער דעם "קץ" בגלוי, מען ווייס בהשגה אז אט באלד וועט מען נגאל ווערן און ארויסגיין פון גלות - איז אויך קיין חידוש ניט, בשעת אז עס קומט די צרת השעבוד, און דער שעבוד הגלות איז אזוי גרויס, ביז אז בשכל האנושי זעט מען גארניט ווי עס קען קומען די גאולה, עס איז "נסתם הקץ" - און אעפ"כ גלויבט מען באמונה שלימה אין דער גאולה, און "אחכה לו בכל יום ויום שיבוא", און מען לערנט תורה און מ'איז מקיים מצות מתוך המיצר פון גלות - דאס איז דער אמתער חיות פון אידן, ובמילא - דער אמתער חיות פון יעקב'ן (וכנ"ל אז דער "הוא בחיים" איז דורך דעם וואס "זרעו בחיים"), "ויחי יעקב".

פונקט ווי בנוגע יעקב'ן איז דוקא דורך דעם וואס כל ימיו זיינען געווען היפך השלוה, איז ער צוגעקומען צום "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה", און די זיבעצן גוטע יאר האבן מגלה געווען די פנימיות אויך פון די פריערדיקע יארן, כנ"ל, אזוי איז אויך בנוגע "זרעו", אז דוקא דורכן "צרת השעבוד" און סתימת הקץ, ווערט דער "זרעו בחיים" - וואס דאס איז מגלה די פנימיות פון זמן השעבוד והגלות, ביז צום "אודך הוי' כי אנפת בי".

און דאס איז אויך דער ביאור וואס רש"י ברייננגט בלויז די ערשטע צוויי טעמים און ניט דעם טעם פון "נסתמו ממנו כל הצרות שבעולם", ווייל ניט אין דעם באשטייט דער אמיתית הענין פון "ויחי יעקב", אדרבה, דער אמתער ויחי יעקב קומט דורך דער עבודה וואס בעת צרת השעבוד און סתימת הקץ דוקא.

**יג.** דערמיט וועט מען אויך פארשטיין דעם פנימיות הטעם פון דעם וואס "נסתם ממנו הקץ": אויב דער קץ וואלט געווען בגלוי, וואלט געפעלט אין דעם ענין הגלות, ובמילא - אויך אין די שלימות הגאולה וואס עס קומט דורכן גלות דוקא.

ועי"ד המבואר במ"א בנוגע צו יוסף עם אחיו, וואס "ויתנכר אליהם וידבר אתם קשות", ביז אז "ויאסוף אותם אל משמר שלושת ימים" וכו' וכו', וואס לכאו', איז עס דאך תמוה ביותר: ווי קומט עס צו יוסף הצדיק, אז ער האט געמאטערט זיינע ברידער? שטייט אויף דעם, אז יוסף האט געוואלט, אז די צוויי הונדערט צען יאר וואס אידן דארפן זיין אין גלות מצרים, זאלן זיך אנהייבן רעכענען פון דער צייט ווען די שבטים זיינען געקומען קיין מצרים, דעריבער איז "ויתנכר אליהם" כו' בכדי אז דאס זאל גערעכנט ווערן אין מנין שנות הגלות.

ועד"ז האט מען געדארפט אויף האבן עס זאל זיין די סתימת הקץ, בכדי עס זאל ניט פעלן אין גלות, ובמילא - אויך ניט אין די גילויים בהגאולה שלאחרי'.

**יד.** פון יעדער ענין בתורה (מלשון הוראה) דארף מען דאך ארויסנעמען א הוראה, איז די הוראה מהנ"ל איז: -

פאראן אזוינע וואס טענה'ן פארוואס דארף מען האבן אזויפיל שוועריקייטן און נסיונות אין תומ"צ, פארוואס מאכט מען מלמעלה אז ער זאל מיינען בעיני בשר שלו אז דורך דעם וואס ער איז ניט משיג גבול, היט זיך אויס אין אונאה וכו', דאוונט תפלה בצבור און לערנט א שיעור נאכן דאוונען (וואס במילא קומט ער אין געשעפט מיט א האלבע שעה שפעטער) האט ער ניט אזויפיל פרנסה ווי זיין שכן, וואס טוט בהיפך מהנ"ל, - ער טענה'ט - וואלט אים דער אויבערשטער געגעבן עשירות מצד דעם וואס ער פירט זיך ע"פ תורה, און דאן - טענה'ט ער - וואלט געווען בעסער סיי פאר אים, סיי פאר דעם אויבערשטן, ווארום דאן וואלט אויך זיין שכן געזען אז דורך תומ"צ ווערט מען א גביר, וואלט ער אים במילא נאכגעטאן.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2) {180} עמוד מס: 275 ה

און ווי דער בארדיטשעווער האט געטענה'ט צום אויבערשטן: וואס ווילסטו האבן פון אידן, בשעת אז די תאוות עוה"ז האסטו אוועקגעשטעלט גלוי לעיני בשר און דעם ג"ע (גיהנום?) - ארייגעשטעלט אין ספר?!

איז דער ענטפער אויף דעם: ווען עס רעדט זיך וועגן א לימוד זכות, איז עס טאקע א טענה, בשעת מען רעדט אבער וועגן דעם תכלית העבודה ואליבא דנפשי', דארף ער וויסן, אז מען דארף הארעווען און ניט וועלן קיין נהמא דכיסופא, און דעריבער מאכט מען מלמעלה פארשידענע נסיונות, ווייל דורך דעם דוקא קומט מען צו צום אמיתית הטוב.

און אזוי ווי אין גלות מצרים איז דוקא דורך דעם וואס "נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד" און "נסתם הקץ" איז מען צוגעקומען צום גילוי פון מתן תורה, אזוי אויך איצטער, בגלות זה האחרון, וואס ער איז א סאך לענגער פון גלות מצרים, איז דוקא דורך די עבודה פון מס"נ, וואס מען רעכנט זיך ניט מיט די שוועריקייטן פון די נסיונות און מען שטייט מיט א תוקף, כאטש אז "לא נתגלה קצם" - וועט מען זוכה זיין צום "ישקני מנשיקות פיהו", טעמי תורה שיתגלו לעתיד, בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (2){180} עמוד מס: 276